Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער יידישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 19, נומער 4 (94)

אייר תשע"ד/מײַ 2014


# קעפּלער־f186[1] : ווי אין דער היים

**דער נײַער פּלאַנעט, פֿאָרגעשטעלט דורך אַ קינסטלער לויט די לעצטע אינפֿאָרמאַציעס פֿון דער „נאַסאַ“.**



כ׳לעבן[2], די קאָסמאָס־פֿאַנטאַזיע האָט זיך שטאַרק געביטן ! אַ מאָל פֿלעגט זי קערעווען[3] אירע טעלעסקאָפּן אויף די גרינע מענטשעלעך און אַנדערע „אַליענס“, אויף „אופֿ״אָ“ (אומבאַקאַנטע פֿליִענדיקע אָביעקטן)[4] אָנגעקומענע פֿון מוראדיקע[5] צי גן־עדנדיקע[6] וועלטן, אויף מעטאַפֿיזישע „שוואַרצע לעכער“. הײַנט צו טאָג גאַפֿן[7] די אַסטראָנאָמען אויף אַזאַ מין זאַך ווי קעפּלער־f186. קעפּלער־f186 איז אַן „עקזאָפּלאַנעט“, דאָס הייסט אַ פּלאַנעט וואָס דרייט זיך אַרום אַן אַנדער שטערן ווי אונדזער זון. אָט דעם פּלאַנעט האָט לעצטנס אַנטדעקט אַן אינטערנאַציאָנאַלע גרופּע אַסטראָנאָמען אָנגעפֿירט דורך ד״ר עליזאַ קווינטאַנאַ, וואָס זייער שליחות[8] איז צו זוכן אַזעלכע עקזאָפּלאַנעטן אין קאָסמאָס. פֿאַר וואָס זענען זיי אַזוי ענטוזיאַסטיש ? ווײַל קעפּלער־f186 איז גאַנץ ענלעך צו אונדזער ערד. ער איז אַ קלענער : נאָר 1,1 מאָל אַזוי גרויס ווי אונדזער פּלאַנעט. דער שטערן איז ניט אַזוי הייס ווי אונדזערער. און דער מהלך[9] צווישן קעפּלער־f186 און דעם שטערן איז פּונקט[10] ווי עס באַדאַרף צו זײַן : דאָס מיינט אַז אויף קעפּלער־f186 איז נישט צו קאַלט און נישט צו הייס און דערפֿאַר איז מעגלעך אַז דאָרטן זאָל זיך געפֿינען פֿליסיק[11] וואַסער און עס זאָלן אויך לעבן עפּעס אַ מין חיות[12]. דאָס הייסט חיות וואָס מיר קענען דערקענען[13] ווי חיות...

בקיצור[14] – אַ היימיש אָרט[15] !

ס׳איז נאָר דאָ אַ קליין חסרונדל[16] :

קעפּלער־f186 דרייט זיך אַרום זײַן זון אַזוי, אַז אויף איין זײַט איז אייביק[17] טאָג און אויף דער אַנדערער – אייביק נאַכט.

נו, נאָך אַן ענלעכקייט צו אונדזער וועלט : מען דאַרף נאָר זײַן אויף דער גוטער זײַט...

אַן אַנדער שטיקל פּראָבלעם איז אַז קעפּלער־f186 געפֿינט זיך 492 ליכטיאָר[18] פֿון דער ערד. דאָס איז אַ ביסל ווײַט. אָבער מע קען זיך טרייסטן אַז אַ ביסל פֿריִער האָט מען אַנטדעקט נאָך אַ פּאָר אַזעלכע עקזאָפּלאַנעטן און צווישן זיי איינעם, וואָס זעט אויך אויס היימיש און וואָס טראָגט דעם חנעוודיקן[19] נאָמען „גליזע Cc 667“[20]. אָט דער פּלאַנעט איז נאָר 22 ליכטיאָר ווײַט ! לאָמיר נישט זײַן קיין ביטערע ציבעלעס[21] און נישט דערמאָנען אַז דאָס ליכט פֿליט 300000 קילאָמעטער אין איין סעקונדע, בעת[22] אונדזערע בעסטע קאָסמאָס־שיפֿן קריכן[23] מיט דער גוואַלדיקער[24] גיכקייט פֿון 17,5 קילאָמעטער...

דאָס הייסט, טײַערע לייענערס, אַז אַן ערד נומער 2 האָבן מיר נאָך נישט בײַ דער האַנט. טאָ[25] בעסער זיך נישט צו שטאַרק צעקריגן מיט די שכנים[26] און נישט צו פֿיל פּראָדוצירן אַבי וואָס פֿאַר אַ מיסט[27]...

און די וואָס גלוסטן[28] נאָך דער פֿרעמד און סורפּריזן (מען זאָגט אַז ס׳איז נאָך פֿאַראַן אַזעלכע) מעגן נאָך האָבן האָפֿענונג : צי האָבן דען די אַמאָליקע נאַוויגאַטאָרן, זוכנדיק אַ געוויסן קאָנטינענט, נישט אַנטדעקט אומדערוואַרטע[29] לענדער ?

1. Kepler-186f 2. ma foi/my goodness! 3. braquer/point 4. OVNI/UFO 5. MO'YREDIKE terrifiants/terrifying 6. GANE'YDNDIKE paradisiaques/paradise-like 7. restent bouche bée/gaze in wonder 8. shLIKhES mission 9. MEHALEKh distance 10. exactement/exactly 11. liquide/liquid 12. ... KhAYES des sortes d'animaux/some form of animal life 13. reconnaître/recognize 14. BEKITSER bref/in short 15. lieu familier, où l'on se sent chez soi/homey spot 16. KhESO'RNDL petit défaut/little drawback 17. toujours/always 18. années-lumière/light years 19. KhE'YNEVDIKN charmant/charming 20. Gliese Cc 667 21. rabat-joie/wet blankets 22. BEYS tandis que/whereas 23. se traînent/creep along 24. formidable 25. alors/so 26. shKhEYNIM voisins/neighbors 27. ordures quelles qu'elles soient/any kind of garbage 28. ont envie de/yearn for 29. inattendus/unexpected.

עלען חדש[1], אַ לאַנגיאָריקע תּלמידה[2] פֿון די ייִדיש־לעקציעס אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער באַציִונג[3] פֿון פֿראַנצייזישע ייִדן צו ייִדן פֿון מיזרח[4]־אייראָפּע און צו ייִדיש. זי שילדערט[5] די שוועריקייטן וואָס די ייִדיש־שרײַבער האָבן געהאַט צו גרינדן אַ ייִדישן פּען־קלוב[6]. פּען־קלוב איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שרײַבער־אָרגאַניזאַציע געגרינדט[7] אין 1921, וואָס עקזיסטירט ביז הײַנט צו טאָג. די קירצונג „פּען" שטייט פֿאַר „פּאָעטן – עסייִסטן – נאָוועליסטן". די מחברטע[8] אַנאַליזירט דאָ אַן אַרטיקל פֿון בנימין קרעמיע[9] (1888–1944), אַ פֿראַנצייזישן ליטעראַטור־קריטיקער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם.

# די גרויסע מיזרח־מערבֿ אומפֿאַרשטייעניש[10]

## פֿון עלען חדש


**בנימין קרעמיע**

אין אַן אַרטיקל וואָס איז דערשינען[11] אין דער פֿראַנצייזישער צײַטשריפֿט Les Nouvelles littéraires (ליטעראַרישע נײַעס) דעם 9טן יולי 1927 האָט דער פֿראַנצייזישער שרײַבער בנימין קרעמיע באַריכט[12] וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון די פּען־קלובן, וואָס איז גראָד פֿאָרגעקומען[13] אין בריסל[14]. ער דערציילט צום ערשטן די געשיכטע פֿון די פּען־קלובן זינט מען האָט זיי געגרינדט מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער און דערנאָך גיט ער איבער[15] די וויכטיקסטע געשעענישן פֿונעם בריסעלער קאָנגרעס.

דאָרטן, זאָגט ער, איז אויפֿגעקומען אַ שוועריקייט : אַזוי ווי די פּען־קלוב־באַוועגונג[16] האָט אַרײַנגענומען די קלענערע נײַע לענדער וואָס זײַנען אַנטשטאַנען[17] נאָך דער וועלט־מלחמה[18], האָט עס געפֿירט צו נאַציאָנאַליסטישע פֿאָדערונגען[19]. ווי אַ בײַשפּיל גיט ער אָן אַז אַ ייִדישער דעלעגאַט האָט געבעטן מע זאָל אין וואַרשע[20] שאַפֿן אַ ייִדישן פּען־קלוב לעבן דעם פּוילישן. אָבער עס איז „געשען אַ נס[21]", פֿרייט זיך דער מחבר[22], מען האָט בלויז געדאַרפֿט דערמאָנען די דעפֿיניציע פֿון די פּען־קלובן (אַז אין יעדן לאַנד קען זיך געפֿינען נאָר איין פּען־קלוב), און עס איז געווען גענוג. מען האָט אײַנשטימיק[23] באַשלאָסן אַז אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע מעג זײַן בלויז איין אייניציקער פּען־קלוב פֿאַר ייִדישע און פּוילישע שרײַבער אין איינעם[24].

באַשײַמפּערלעך[25] האָט בנימין קרעמיע, אַ קלוגער, ראַפֿינירטער אינטעליגענט, אַ פֿאָרשטייער[26] פֿון דער העכסטער קולטור, לחלוטין נישט[27] פֿאַרשטאַנען וואָס עס פּאַסירט.

פּען־אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווי אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, אומאָפּהענגיק[28] פֿון אידעאָלאָגיעס און פּאָליטישע פֿאַרשיידנקייטן. דער געדאַנק איז געווען צו שטיצן שלום[29] אויף דער וועלט דורך באַציִונגען צווישן שרײַבער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, באַזונדערש פֿון די אַמאָליקע שׂונאים[30]־לענדער. די אָרגאַניזאַציע איז געפֿורעמט געוואָרן לויט[31] דער צעטיילונג פֿון אייראָפּע נאָך דער וועלט־מלחמה און לויט דער אידעע פֿון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה[32]. עס האָט געדאַרפֿט זײַן איין קלוב אין יעדער מלוכה. אָבער אין וואַרשע האָט דער פּוילישער פּען־קלוב זיך באַשעפֿטיקט נאָר מיט דער ליטעראַטור אויף פּויליש.

ווען די ייִדישע שרײַבער האָבן געבעטן, מע זאָל שאַפֿן אַ ייִדישן פּען־קלוב – אַזוי דערציילט דער ייִדישער שרײַבער מלך ראַוויטש[33] אין זײַנע זכרונות[34] *דאָס מעשׂה־בוך*[35] *פֿון מײַן לעבן* – זײַנען די טוערס[36] פֿון פּען אין לאָנדאָן געווען צעטומלט[37], ווײַל ייִדיש איז נישט געווען די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון קיין שום[38] מלוכה. זיי האָבן געשטעלט פֿראַגעס, וואָס דריקן אויס[39] ווי פֿרעמד איז זיי געווען די געאָגראַפֿיע פֿון ייִדיש : ווו איז דער צענטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ? וואָס פֿאַר אַ לאַנד פֿאַרטרעט[40] דער שרײַבער שלום אַש ?

סוף־כּל־סוף[41] האָט מען געפֿונען אַ קאָמפּראָמיס און אײַנגעשטעלט[42] אַ ייִדישן פּען־קלוב אין דער שטאָט ווילנע[43], וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו פּוילן (זעט ז' 3).

בנימין קרעמיע איז געווען זייער אַ בריליאַנטער שרײַבער, קריטיקער און איבערזעצער (פֿון איטאַליעניש), וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ ייִדישער משפּחה[44], אַן אײַנגעזעסענער[45] אין דרום[46]־פֿראַנקרײַך פֿונעם פֿערצנטן יאָרהונדערט אָן. ער האָט זיך אײַנגעשטעלט[47] פֿאַר שלום צווישן די נאַציעס. שפּעטער, בעת[48] דער דײַטשישער באַזעצונג[49], איז ער געווען אין דעם פֿראַנצייזישן ווידערשטאַנד[50]. ער איז אומגעקומען[51] אין בוכנוואַלד־לאַגער אין 1944.

זײַן קאָמענטאַר, פֿול מיט חשד[52] קעגן אַ כּלומרשטן[53] נאַציאָנאַליזם, ווײַזט דאָס ריזיקע[54] אומפֿאַרשטייעניש צווישן ייִדן פֿון מערבֿ־ און מיזרח־אייראָפּע. די ייִדן פֿון מערבֿ־אייראָפּע האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע השׂגה[55] פֿון די פֿיל־קולטורעלע לענדער פֿון מיזרח־אייראָפּע, און אַפּשיטא שוין[56] נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען נײַע מלוכות[57] זײַנען אויפֿגעקומען לויט דעם פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַליטעטן. פֿראַנצייזישע ייִדן האָבן זיך געפֿילט ווי „ייִדן פֿון דער רעפּובליק", זיי האָבן אָנערקענט[58] אין אַ מלוכה בלויז דעם יחידישן בירגער[59], ווי די פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע האָט עס אַ מאָל דעפֿינירט. זיי האָבן ניט געזען זייער ייִדישקייט ווי אַ נאַציאָנאַליטעט (ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל אין מיזרח־אייראָפּע), נאָר ווי אַ רעליגיע. און זיי האָבן נישט געהאַט קיין השׂגה פֿון אַ שפּראַך און אַ קולטור אָן שטח[60].

1. KHODOSH Hélène Khodoss 2. TALMIDE étudiante/student *fem*. 3. relation 4. MIZREKH orientale/Eastern 5. décrit/describes 6. P.E.N.-Club 7. fondé/founded 8. MEKHA'BERTE auteure/author *fem*. 9. Benjamin Crémieux 10. MIZREKH-MAYREV... malentendu est-ouest/East-West misunderstanding 11. paru/appeared 12. a rendu compte de/reported on 13. venait d'avoir lieu/had just taken place 14. Bruxelles/Brussels 15. rapporte/tells 16. mouvement/movement 17. sont nés/came into being 18. MILKHOME guerre/war 19. revendications/demands 20. Varsovie/Warsaw 21. NES miracle 22. MEKHABER auteur/author 23. à l'unanimité/unanimously 24. ensemble/together 25. évidemment/clearly 26. représentant/representative 27. LAKHLUTN ... absolument pas/nothing at all 28. indépendant/independent 29. SHOLEM paix/peace 30. SONIM ennemis/enemy, *sing*. שׂונא SOYNE 31. selon/according to 32. ... MELUKHE État-nation/nation-state 33. MEYLEKH Ravitch 34. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 35. MAYSE ... livre de contes/story book 36. responsables/leaders 37. déconcertés/confused 38. aucun/any 39. expriment/express 40. représente/is represented by 41. SOFKL-SOF enfin/at last 42. établi/established 43. Vilnius 44. MISHPOKHE famille/family 45. installé/settled 46. DOREM sud/south 47. a pris fait et cause/spoke out for 48. BEYS pendant/during 49. occupation 50. résistance 51. a péri/died 52. KHSHAD suspicion 53. KLO'YMERSHTN prétendu/supposed 54. énorme/huge 55. HASOGE conception 56. APSHITE ... d'autant plus/all the more 57. MELUKHES pays/countries 58. reconnu/recognized 59. YEKHI'DISHN ... citoyen en tant qu'individu/individual citizen 60. SHETEKH territoire/territory.

# דער ייִדישער פּען־קלוב[1]

סוף[2] יאָר 1927, נאָך לאַנגע באַמיִונגען[3] און דיסקוסיעס (זעט אַרטיקל אויף ז' 2) איז סוף־כּל־סוף[4] געשאַפֿן געוואָרן אַ ייִדיש־אָפּטייל[5] פֿון פּען־קלוב. פֿאַר וואָס איז דאָס געווען אַזוי וויכטיק פֿאַר ייִדישע שרײַבער צו האָבן אַן אייגענע רעפּרעזענטאַנץ בײַ דעם אינטערנאַציאָנאַלן „פּען“? עס זײַנען דאָ צוויי הויפּט־סיבות[6]. ערשטנס, איז דאָס געווען אַ וויכטיקער שטאַפּל[7] אין דער אָנערקענונג[8] פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן אַז אין יאָר 1927 האָבן זיך נאָך געפֿונען אַ סך מענטשן, אַפֿילו[9] אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן אין אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס האָבן אָדער קיין מאָל ניט געהערט אַז ייִדישע ליטעראַטור עקסיסטירט, אָדער האָבן באַטראַכט ייִדיש ווי אַ „זשאַרגאָן“, אַ מין פֿאַרדאָרבן[10] דײַטש וואָס איז ניט קיין אמתע[11] שפּראַך. אַן אייגענער אָפּטייל בײַם פּען־קלוב (וואָס איז דעמאָלט געווען אַ וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסן פּרעסטיזש און אײַנפֿלוס[12]) איז אויב אַזוי געווען אַ בולטער סימן[13] אַז ייִדיש האָט אַ ליטעראַטור ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן.

### באַציִונגען[14] מיט פּוילישע שרײַבער

די צווייטע סיבה איז געווען אַז דער פּוילישער פּען־קלוב פֿלעגט ניט נעמען אין אַכט[15] קיין פּויליש ייִדיש־שרײַבער: אין מאַרץ 1927 צום בײַשפּיל, איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע אַ באַגעגעניש מיטן דײַטשישן שרײַבער טאָמאַס מאַן, אויף וועלכער מע האָט פֿאַרבעטן נאָר פּויליש־שרײַבנדיקע מחברים[16]. ייִדיש־שרײַבער האָבן דעמאָלט אָנגעשריבן אַן אָפֿענעם בריוו צו טאָמאַס מאַנען, וואָס האָט שפּעטער צוגעגעבן אַז דאָס איגנאָרירן ייִדישע שרײַבער איז געווען דער שוואַכסטער פּונקט פֿונעם גאַנצן באַזוך.

מע דאַרף זאָגן אַז אַפֿילו נאָך דעם ווי מע האָט געשאַפֿן דעם ייִדישן אָפּטייל פֿונעם פּען־קלוב, האָט זיך די באַציִונג פֿון די פּוילישע מחברים צו די ייִדישע ניט קיין סך פֿאַרבעסערט. איין אויסנאַם[17] איז געווען אַ באַנקעט פֿאַר שלום[18] אַש, וואָס דער פּוילישער פּען־קלוב האָט אָרגאַניזירט אין וואַרשע דעם 29סטן סעפּטעמבער 1928. שלום אַש (וואָס איז אויך געווען אַן ערן־מיטגליד[19] פֿונעם אַלגעמיינעם „פּען“), איז דעמאָלט געווען אַ וועלט באַקאַנטער שרײַבער, אויך צווישן דעם פּויליש־רעדנדיקן עולם[20], און אויפֿן באַנקעט זענען געקומען אַ סך פּוילישע שרײַבער און קולטור־טוער[21].

### ווילנע, וואַרשע, ניו־יאָרק

כאָטש[22] דאָס רובֿ[23] ייִדישע שרײַבער האָבן דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע (דאָרטן האָט זיך אויך געפֿונען דער באַרימטער ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין[24] אויף דער גאַס טלאָמאַצקע נומער 13), האָט מען דאָרטן ניט געקענט באַזעצן[25] דעם ייִדישן פּען־קלוב, ווײַל אין וואַרשע האָט זיך שוין געפֿונען דער פּוילישער פּען־אָפּטייל. האָט מען באַשטימט אַן אַנדער וויכטיקע שטאָט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור – ווילנע (דעמאָלט – אין פּוילן). פֿאַרן פּרעזידענט פֿונעם אָפּטייל האָט מען אויסגעקליבן שלום אַשן. פֿון די דרײַ וויצע־פּאָרזיצערס[26] האָט נאָר איינער געוווינט אין ווילנע – דער שרײַבער און לינגוויסט זלמן[27] רייזען (ברודער פֿונעם פּאָעט אַבֿרהם[28] רייזען און פֿון דער דיכטערין שׂרה[29] רייזען). זײַן אייגענע דירה[30] אין ווילנע איז געוואָרן דער אַדרעס פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב (וואָס ווײַזט אָן אויף די באַגרענעצטע[31] פֿינאַנציעלע מיטלען פֿון ייִדישע שרײַבער פֿון יענער צײַט). די צוויי אַנדערע וויצע־פֿאָרזיצער – דער פּאָעט זוסמאַן סעגאַלאָוויטש און דער דראַמאַטורג דוד[32] פּינסקי – האָבן געוווינט אין וואַרשע און אין ניו־יאָרק. אין די צוויי שטעט האָבן זיך געפֿונען די פֿיליאַלן[33] פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב,

[סוף ז' 8]




די „פּ.ע.נ.־נײַעס“ און דאָס בוך „וואַלדיקס“ פֿון אַבֿרהם סוצקעווער אַרויסגעגעבן דורכן פּען־קלוב אין ווילנע אין 1940.







1. P.E.N.-Club 2. SOF fin/end 3. efforts 4. SOFKL-SOF finalement/at last 5. section 6. ... SIBES raisons majeures/main reasons 7. étape/step 8. reconnaissance/recognition 9. AFILE même/even 10. corrompu/corrupted 11. E'MESE véritable/real 12. influence 13. BO'YLETER SIMEN signe évident/clear sign 14. relations 15. prendre en compte/take into consideration 16. MEKHABRIM auteurs/authors 17. exception 18. SHOLEM 19. membre d'honneur/honorary member 20. OYLEM public 21. acteurs de la vie culturelle/leaders 22. bien que/although 23. ... ROV la plupart/most 24. union 25. installer/install 26. vice-présidents 27. ZALMEN 28. AVRO'M 29. SORE 30. DIRE appartement/apartment 31. limités/limited 32. DOVID 33. succursales/branches

# די זיבן פֿעטערס אירע[1]

## פֿון אַסטריד רוף[2]



אַ טייל פֿון דער מאַמעס פֿעטערס (בילד פֿון 1942).

מײַן מאַמע האָט געהאַט זיבן פֿעטערס
זיבן פֿעטערס האָט זי געהאַט
פֿון זיי האָט זי אַזוי פֿיל דערציילט
אַז איך גלויב כמעט[3] זיי זענען מײַנע געווען !

די זיבן פֿעטערס אירע

אָט די. אַ שטאַם[4]. אַ בוים. אַ ייִחוס־בריוו[5]
זיי שוועבן[6] איבער מײַן לאַנדשאַפֿט[7]
זיי באַווינען מײַנע חלומות[8]
זיי רופֿן פֿון דער ווײַטנס

די זיבן פֿעטערס אירע

זיי רעדן נישט קיין ייִדיש
זיי רעדן נישט קיין ענגליש, נישט קיין פֿראַנצייזיש
דײַטש רעדן זיי, און דײַטש שרײַבן זיי
און לייענען, און טראַכטן, און טרוימען[9], און לײַדן.

די זיבן פֿעטערס אירע

דײַטש איז זייער שפּראַך, אַ זיסע, אַ באַליבטע
אָבער זייער לשון[10] איז פֿאַרפֿלאַנצט[11] מיט אַנדערע פֿרוכטן
מיט משפּחה[12] און צרות[13]
מיט פּרנסה[14] און עדות[15]
מיט מציאות[16] און מיצוות[17]

די זיבן פֿעטערס אירע

דער צווייטער איז געווען דער שענסטער
דער פֿערטער איז געווען דער פֿרימסטער[18]
דער פֿינפֿטער איז געווען אַ סוחר[19]
און דער זעקסטער איז געפֿאָרן קיין אַמעריקע

די זיבן פֿעטערס אירע

דער דריטער האָט געשפּילט אין קאָרטן[20]
דער לעצטער האָט געוואָלט ווערן אַ מחבר[21]
דער פֿרימסטער האָט געהאַנדלט מיט גאָלד
און אויף דער חתונה[22] פֿונעם ערשטן האָט מײַן מאַמע אַ ליד געזונגען

די זיבן פֿעטערס אירע

איך האָב אויך געהאַט אַ פֿעטער
זײַן ירושה[23] איז אַ ווערטערבוך[24]
ער האָט די ווערטער געשעצט[25] : דײַטש פֿראַנצייזיש, פֿראַנצייזיש דײַטש
די בלעטער זענען אָפּגעניצט[26], פֿונעם פֿינגער, פֿונעם אויג

טראַכט איך וועגן מײַן פֿעטער,
זע איך אַ געשטאַלט[27], אַ שטוב, אַ שוועל[28]
טראַכט איך וועגן די זיבן פֿעטערס אירע
פֿיל איך אירע צערטלעכע[29] הענט, הער איך איר האַרציק קול[30]

די זיבן פֿעטערס אירע.



1. Ses sept oncles/Her Seven Uncles 2. Astrid Ruff 3. KIMA'T presque/almost 4. souche/stem, lineage 5. YIKHES-... arbre généalogique/family tree 6. planent/hover 7. paysage/landscape 8. KHALOYMES rêves/dreams, *sing.* KHOLEM 9. rêvent/dream 10. LOSHN langue/language 11. planté/sown 12. MISHPOKHE famille/family 13. TSORES soucis/cares 14. PARNOSE gagne-pain/livelihood 15. EYDES témoignages/testimony 16. METSIES aubaines/lucky finds 17. MITSVES bonnes actions/good deeds 18. le plus pieux/most observant 19. SOYKHER commerçant/merchant 20. cartes/cards 21. MEKHABER auteur/author 22. KHA'SENE mariage/wedding 23. YERUSHE héritage 24. dictionnaire/dictionary 25. accordait de la valeur/valued 26. usés/worn 27. image 28. seuil/doorstep 29. tendres/affectionate 30. KOL voix/voice.

**לאָמיר זיך שפּילן...**

# די באַשאַפֿונג[1] פֿון דער וועלט




**די באַשאַפֿונג פֿון חווהן אויף אַ מאָזאַיִק פֿון 11טן י״ה.**

אין שײַכות מיט[2] דער טעמע „וועלט" (זעט זײַט 6) האָבן מיר דאָ אויסגעשריבן די שטאַפּלען[3] פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג לויט[4] דער ייִדישער טראַדיציע, וואָס ווערט איבערגעגעבן אינעם ספֿר בראשית[5]. אָבער וואָס איז געשען ?! אַ שדל[6] האָט אַלץ איבערגעשטעלט[7] און מע ווייסט מער ניט וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿריִער און וואָס שפּעטער. איז[8] העלפֿט צוריקשטעלן דעם סדר[9] און באַשטימט[10], וואָס איז פֿאָרגעקומען יעדן טאָג פֿון דער באַשאַפֿונג.

1. דעם **ערשטן טאָג** איז געוואָרן די ערד, דאָס גראָז, די קרײַטעכצער[11] און די ביימער. — א.
2. דעם **צווייטן טאָג** האָט זיך גאָט אָפּגערוט[12]. — ב.
3. דעם **דריטן טאָג** האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל. — ג.
4. דעם **פֿערטן טאָג** האָט גאָט באַשאַפֿן די זון, די לבֿנה[13] און די שטערן. — ד.
5. דעם **פֿינפֿטן טאָג** האָט גאָט באַשאַפֿן בהמות[14], חיות[15], שרצים[16] און דעם מענטשן. — ה.
6. דעם **זעקסטן טאָג** זענען באַשאַפֿן געוואָרן פֿיש און פֿייגל. — ו.
7. דעם **זיבעטן טאָג** האָט גאָט געזאָגט : זאָל ווערן ליכט. — ז.

[ענטפֿער אויף ז' 8]

# אַ שפּיל מיט פֿאַרגלײַכן[17]

געפֿינט די ריכטיקע ייִדישע אויסדרוקן[18].



| | |
|---|---|
| 1. שוואַרץ ווי | א. די וועלט |
| 2. זיס ווי | ב. טייג[22] |
| 3. ביטער ווי | ג. די וואַנט |
| 4. זויער[19] ווי | ד. האָניק |
| 5. ווייך ווי | ה. אַ קאָטשערע[23] |
| 6. טויב[20] ווי | ו. פֿעפֿער[24] |
| 7. אַליין ווי | ז. אַ פֿינגער |
| 8. טרוקן ווי | ח. עסיק[25] |
| 9. קרום[21] ווי | ט. סמאָלע[26] |
| 10. גוט ווי | י. גאַל[27] |

עס זײַנען דאָ אַ סך אַנדערע פֿאַרגלײַכן – בילדערישע[28] און פֿול מיט פֿאַנטאַזיע, ווי „שיין ווי די לבֿנה", „מיאוס[29] ווי דער מלאך־המוות[30]", „לאַנג ווי דער ייִדישער גלות[31]"... אויב איר קענט אַזעלכע פֿײַנע אויסדרוקן, זײַט אַזוי גוט און שרײַבט אונדז און מיר וועלן אָפּדרוקן די שענסטע. מיר וואַרטן אומגעדולדיק !

[ענטפֿער אויף ז' 8]

1. création 2. ... shaykhes... en rapport avec/in relation to 3. étapes/stages 4. selon/according to 5. seyfer breyshis Genèse/Genesis 6. shedl diablotin/imp 7. déplacé/moved around 8. alors/so 9. ... seyder remettre dans l'ordre/put in order 10. indiquez/determine 11. herbes, plantes/herbs, plants 12. s'est reposé/rested 13. levone lune/moon 14. beheymes bétail/cattle15. khayes animaux (sauvages)/(wild) animals 16. shrotsim reptiles, insectes rampants/reptiles, creeping insects 17. comparaisons/comparisons 18. expressions 19. acide/sour 20. sourd/deaf 21. tordu/crooked 22. pâte/dough 23. tisonnier/poker 24. poivre/pepper 25. vinaigre/vinegar 26. goudron/tar 27. bile/gall 28. imagés/*here* colorful 29. mies laid/ugly 30. malekh-hamoves ange de la mort/Angel of Death 31. goles exil/exile.

# וועלט



„דער אַסטראָנאָם“, בילד פֿון יאָהאַנעס ווערמער (1668).

אין אַלע שפּראַכן רעדט מען וועגן דער וועלט – ווי גרויס זי איז, ווי פֿאַרשיידנאַרטיק[1] זי איז, ווי שיין זי קען זײַן, און אַ מאָל ווי אומיושרדיק[2] זי איז. ווי מען ווייס אָבער זײַנען דאָ צוויי וועלטן – **די וועלט**[3] און **יענע וועלט**[4]. **די וועלט** איז דאָס לעבן דאָ אויף דער ערד. **יענע וועלט** מיינט דאָרטן ווו מיר גייען נאָכן טויט. אויף לשון־קודש[5] הייסט עס עולם־הזה[6] און עולם־הבא[7]. **די וועלט** ווערט אויך גערופֿן עולם־השקר[8] (די וועלט פֿון ליגנס) אָדער עולם־הדימיון[9] (די וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע). עולם־האמת[10] (די אמתע[11] וועלט) איז דווקא[12] די, וואָס וועט קומען. מען זאָגט אַז דער רשע[13] קריגט זײַן שׂכר[14] אויף **דער וועלט**, דער צדיק[15] אויף **יענער וועלט**. דערפֿאַר זײַנען דאָ אַזוי פֿיל אָרעמע צדיקים און אַזוי פֿיל רשעים וואָס געניסן[16] פֿון אַל דאָס גוטס. צו זאָגן אַז אַ מענטש געפֿינט זיך אין אַ שווערן מצבֿ[17] קען מען זיך אויסדריקן : **עס גייט אים ווי אַ צדיק אויף ד ע ר וועלט אָדער עס גייט אים ווי אַ רשע אויף י ע נ ע ר וועלט.** אין ביידע פֿאַלן איז עס אַ טרויעריקע באַמערקונג.

אויך יצחק־לייבוש פּרץ[18] אין זײַן גרויסער פּאָעמע *מאָניש* גיט אונדז אַ פּעסימיסטישן קוק אויף דער וועלט :

די וועלט איז אַ ים[19]
ברייט אָן אַ שיעור[20],
די פֿיש זײַנען מיר,
דער פֿישער איז ס״ם[21].

אַ פּאָר אידיאָמאַטישע אויסדרוקן מיטן וואָרט **וועלט** :

**די וועלט איז אים ווייניק** : ווערט געזאָגט אויף אַ מענטש וואָס איז זשעדנע[22], וואָס וויל אַלץ פֿאַר זיך.

**ער איז איינער אין דער וועלט** : ער איז אַ מענטש אַן אויסנאַם[23], אַ פּראַכט[24], אַן אַנטיק[25].



## שפּריכווערטער[1]

- די וועלט איז גרויס און ס׳איז זיך ניטאָ ווו אַהינצוטאָן[2].
- די וועלט איז קליין, אַלע באַגעגענען זיך.
- די וועלט איז ווי אַ לייטער[3], אַרויף גייט איינער, אַראָפּ דער צווייטער.
- אַ האַלבע וועלט לעבט ווי שׂררות[4], די אַנדערע לעבט אין צרות[5].
- ניט מיט שעלטן[6] און ניט מיט לאַכן קען מען די וועלט איבערמאַכן[7].
- אַז די וועלט זאָגט זאָל מען גלייבן.
- מיר מוזן נאָכטאָן[8] די וועלט, ניט די וועלט אונדז.
- פֿאַר אַ פּעקל־מאַכער[9] איז אַ פֿינצטערע נאַכט אַ ליכטיקע וועלט.

1. proverbes/proverbs 2. se réfugier/to find refuge 3. échelle/ladder 4. SRORES princes 5. TSORES malheurs/hardship 6. maudir/cursing 7. changer/change 8. imiter, faire comme/imitate, do like 9. contrebandier/smuggler.

**ער רעדט (גלאַט) אין דער וועלט אַרײַן** : ער רעדט נאַרישקייטן[26].

**זיי זענען אויסגעפֿאָרן/זיי האָבן אויסגעוואַנדערט אַ וועלט** : זיי זײַנען געווען אומעטום.

**אויף וואָס די וועלט שטייט** : מיט אַלע כּוחות[27], מיטן גאַנצן האַרצן. צום בײַשפּיל : דער זינגער האָט געזונגען אויף וואָס די וועלט שטייט ; דער אַטלעט איז געלאָפֿן אויף וואָס די וועלט שטייט.

**אײַנלייגן וועלטן** : טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך : די מאַמע האָט אײַנגעלייגט וועלטן צוליב איר קינד.

און וואָס שרײַט מען ווען מע הערט אַז ס׳איז געשען אַן אומגליק ? – **ס׳איז עק וועלט/ס׳איז אויס וועלט/ס׳איז אַ פֿינצטערע וועלט !** און פֿאַרקערט, אַן אויסרוף וועגן אַ שטיקל גוטע נײַעס : **אַ ליכטיקע וועלט !**

מע קען זאָגן : **אַ וועלט מיט...** ווען מע מיינט „זייער אַ סך“ (**אַ וועלט מיט פֿאַרגעניגנס, אַ וועלט מיט מענטשן**).

אָבער **אַ וועלט מיט וועלטלעך !** דריקט אויס אַ פֿאַרוווּנדערונג[28] אַז אַלץ קען פּאַסירן, אַלץ קען מען געפֿינען אויף דער וועלט.

**גוט/וווּיל ווי די וועלט** מיינט „גאָר גוט“ (וואָס קען אויסזען אַ ביסל מאָדנע[29] ווען מע קוקט אויף אונדזער וועלט).

**הפֿקר**[30] **אַ וועלט** דריקט אויס אַ געפֿיל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג[31] אַז ס׳איז ניטאָ קיין מאָראַל, קיין געזעץ, קיין האָפֿענונג.

עטלעכע ווערטער געבויט מיטן וואָרט **וועלט** :

דער **וועלטבאַנעם**[32] = דער אופֿן[33] ווי מע קוקט אויף דער וועלט.

לויט דער טראַדיציע איז דער אָנהייב פֿון דער וועלט דער **וועלטבאַשאַף**[34] און איר סוף[35] איז דער **וועלט־אונטערגאַנג**[36].

די **אונטערוועלט** = די קרימינעלע וועלט.

דער פּרעפֿיקס **וועלט־** מיינט עפּעס וואָס נעמט אַרײַן אָדער איז גילטיק[37]

[סוף ז׳ 8]

1. varié/varied 2. U'MYOYSHERDIK injuste/unjust 3. DI' VELT le monde d'ici-bas/this world 4. l'au-delà/the hereafter 5. LOSHN-KOYDESH "langue du sacré", hébreu/holy tongue 6. OYLEM-HAZE le monde d'ici-bas/this world 7. OYLEM-HABE le monde à venir, l'au-delà/the world to come 8. OYLEM-HASHEKER le monde du mensonge/the world of lies 9. OYLEM-HADIMYEN monde de l'imaginaire/world of the imagination 10. OYLEM HOEMES monde de la vérité, l'au-delà/world of truth, the hereafter 11. E'MESE vrai/true 12. DAFKE précisément/precisely 13. ROShE méchant/wicked, *plur.* רשעים RESHOYIM 14. SKhAR récompense/reward 15. TSADIK juste/righteous 16. jouissent/enjoy 17. MATSEV situation 18. Yitskhok-Leybush Peretz 19. YAM mer/sea 20. ... ShIR sans mesure/without limits 21. SAM Satan 22. cupide/greedy 23. exception 24. merveille/wonder 25. merveille/wonder 26. bêtises/nonsense 27. KOYKhES forces/strength, *sing.* כּוח KOYEKh 28. émerveillement/sense of wonder 29. étrange/strange 30. HEFKER à l'abandon/abandoned 31. désespoir/despair 32. conception du monde/world view 33. OYFN manière/way 34. Création 35. SOF fin/end 36. fin du monde/end of the world 37. valable/valid

# די וועלט און יענע וועלט[1] – פֿיר לידער

אין שײַכות[2] מיט דער טעמע „וועלט“ (זעט ז׳ 6) האָבן מיר אויסגעקליבן פֿיר לידער – צוויי אַנאָנימע (אַ „פֿילאָסאָפֿיש“ לידעלע און אַ טרינקליד[3]) און צוויי אָנגעשריבענע דורך באַקאַנטע יִדישע פּאָעטן, אַבֿרהם רייזען[4] (1876–1953) און יוסף ראָלניק[5] (1879–1955). זיי האָבן ביידע געשטאַמט[6] פֿון מיזרח[7]־אייראָפּע און האָבן זיך באַזעצט[8] אין דער „נײַער וועלט“ – אין אַמעריקע (ניו־יאָרק).

## איך און די וועלט
### פֿון אַבֿרהם רייזען

ווען די גאַנצע וועלט וואָלט לײַדן[9],
מיר אַליין זאָל גוט זײַן בלויז[10],
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע
אײַנגעלאַדן[11] אין מײַן הויז.

איך וואָלט טרייסטן[12] איר און צערטלען[13],
און געזאָגט – ניט זאָרג זיך[14], וועלט,
ביז זי וואָלט צו זיך געקומען[15]
און זיך אויף די פֿיס געשטעלט[16].

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,
איך אַליין בלויז פֿול מיט לייד[17],
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען
און געפֿאָדערט[18] – גיב מיר פֿרייד[19].

אָבער אַז מיר ביידע לײַדן,
סײַ די וועלט, סײַ[20] איך אַליין –
האָט די וועלט ניט ווו צו קומען
און איך האָב ניט ווו צו גיין...

## פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא[21]
### פֿאָלקסליד

פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא :
טראַלאַ־טראַדי־רידי־ראָם ?
ענטפֿערט מען : טראַדי־ריי־די־ריילאָם,
אוי, אוי, טראַדי־ריי־די־ראָם !
און אַז מע וויל, קען מען דאָך זאָגן : טריי־דים !
בלײַבט דאָך ווידער די אַלטע קשיא,
טראַלאַ־טראַדי־רידי־ראָם !


אַבֿרהם רייזען

## ***
### פֿון יוסף ראָלניק

מיט אַ האַלבער וועלט צעקריגט זיך[22],
מיט אַ צווייטער זיך צעפֿעכט[23] ;
זיץ איך איצט אַליין אין צימער :
ווער פֿון אונדז איז אומגערעכט[24] ?

דאָ געזאָגט וואָס מע באַדאַרף ניט,
דאָרטן עפּעס ניט דערזאָגט[25] ;
און אַ גאַנצע וועלט איז שׂונאים[26],
יעדער שטויסט[27] און יעדער יאָגט[28].

וועלט דו שיינע, וועלט דו ווילע[29] !
עס פֿאַרדריסט[30] – מען מוז צעגיין[31] ;
איך וועל קיין מאָל דיר געפֿעלן[32],
דו מיך – קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין.

## ס׳איז ניטאָ קיין נעכטן[33]
### אַנאָנים

ס׳איז ניטאָ קיין נעכטן,
ס׳איז ניטאָ דער מאָרגן ;
ס׳איז נאָר דאָ אַ ביסעלע הײַנט,
שטערט אים ניט[34] מיט זאָרגן.

כאַפּט אַרײַן אַ שנעפּסל[35],
כּל־זמן[36] איר זענט בײַם לעבן[37] ;
אם־ירצה־השם[38] אויף יענער וועלט
ווער מען אײַך נישט געבן !


יוסף ראָלניק



1. le monde d'ici-bas et l'autre monde/this world and the world to come 2. shaykhes rapport/relation 3. chanson à boire/drinking song 4. avrom Reyzen 5. yoysef Rolnik 6. étaient originaires/came from 7. mizrekh orientale/Eastern 8. se sont installés/settled 9. souffrir/were suffering 10. בלויז מיר אַליין זאָל זײַן גוט et que moi seul je me sentais bien/I alone was feeling good 11. alors je l'inviterais/then I would invite her 12. je consolerais/I would console 13. caresserais/would caress 14. ne t'inquiète pas/don't worry 15. repris ses esprits/came to herself 16. remis sur pied/got back on her feet 17. souffrance/pain 18. réclamé/demanded 19. joie/joy 20. tous deux/both 21. kashe question 22. brouillé/quarreled 23. me suis battu à l'épée/crossed swords with 24. a tort/is wrong 25. n'ai pas dit/left unsaid 26. sonim ennemis/enemies 27. repousse/pushes 28. chasse/chases 29. גוטע 30. ça me chagrine/I'm saddened 31. [זיך] צעגיין [se] séparer/to part 32. te plaire/please you 33. hier/yesterday 34. ne le perturbez pas/don't spoil it 35. prenez vite un petit verre/grab a little drink 36. kolzma'n pendant que/as long as 37. en vie/alive 38. mirtseshem *ici* si ça se trouve/*here*: who knows?

[סוף פֿון ז' 3]

וואָס האָט געשטימט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער ייִדישער פּען־קלוב האָט זיך באַטייליקט[34] אין די אַלגעמיינע פּען־קאָנגרעסן, פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל אַרויסגעבן אַ בלעטל[35] *פּ.ע.נ.־נײַעס* און האָט דער עיקר[36] געשטיצט[37] ייִדישע שרײַבער.

פּילצאָליקע ביכער זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב, ווי צום בײַשפּיל די צוויי ערשטע זאַמלונגען פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, *לידער* (וואַרשע 1937) און *וואַלדיקס* (ווילנע 1940), ווערק פֿון חיים[38] גראַדע, רחל[39] קאָרן, משה[40] בראָדערזאָן צי איציק מאַנגער.

בהסכּם[41] מיט דער הויפּט־אידעע פֿון פּען־קלוב צו אַנטוויקלען[42] קאָנטאַקטן צווישן פֿאַרשיידענע ליטעראַטורן, האָט דער ייִדישער פּען־קלוב געשטיצט איבערזעצונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור אויף ייִדיש. ער פֿלעגט העלפֿן בײַם אַרויסגעבן זיי (די פּוילישע פּאָעמע *פּאַן טאַדעוש*[43] פֿון אַדאַם מיצקיעוויטש אין דער איבערזעצונג פֿון דוד קעניגסבערג איז דערשינען[44] אין לעמבערג אין 1939 אַ דאַנק דעם ייִדישן פּען־קלוב) אָדער אָרגאַניזירט קאָנקורסן פֿון איבערזעצונגען מיט דער בעסטער ליטעראַרישער קוואַליטעט. אין יאָר 1937 האָט מען צום בײַשפּיל צוגעטיילט פּרעמיעס[45] פֿאַר דער איבערזעצונג פֿון רוסיש




פֿון מיכאַיִל שאָלאָכאָווס *שטילן דאָן* (ייִדיש דורך שלמה[46] שיינבערג) און פֿון אַלט־גרעקיש האָמערס *אָדיסיי* (ייִדיש דורך מ. ל. פּעטשעניק).

## נאָך דער מלחמה[47]

בשעת[48] און נאָך דער מלחמה איז די ניו־יאָרקער סעקציע פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב ווײַטער געווען אַקטיוו אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פּאָעט אַהרן[49] גלאַנץ־לעיעלעס. ביכער אַרויסגעגעבענע מיט דער הילף פֿונעם פּען־קלוב פֿלעגן דאָרטן דערשײַנען ביז אין די 1970ער יאָרן.

אויך אין פּאַריז האָט דער ייִדישער פּען־קלוב געהאָלפֿן אַרויסגעבן ייִדישע ליטעראַטור, דער עיקר פּאָעזיע. אין די יאָרן 1953-1950 זענען דאָ דערשינען זיבן אויסגאַבעס[50] אין דער סעריע „ביכער פֿון ייִדישן פּען־קלוב“, פֿון אַזעלכע מחברים ווי ישׂראל[51] אַשענדאָרף, אַבֿרהם זאַק, יצחק[52] יאַנאַסאָוויטש צי חיים־לייב פֿוקס.

צווישן אַנדערע אויפֿטוען[53] פֿונעם פּען־קלוב קען מען אויך דערמאָנען די *אַנטאָלאָגיע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור*[54] אין דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון יוסף[55] לעפֿטוויטש וואָס איז אַרויס אין 1974 ווי דער ערשטער באַנד פֿון דער סעריע „אינטערנאַציאָנאַלע פּען־ביכער“. זי נעמט אַרום דערציילונגען, לידער, עסייען און פֿראַגמענטן פֿון טעאַטער־פּיעסעס פֿון אַ פּאָר צענדליק ייִדישע מחברים.

34. participé/took part 35. bulletin/newsletter 36. … IKER surtout/mainly 37. subventionnait/supported 38. KHAIM 39. ROKhL 40. MOYShE 41. BEHESKEM en accord/in agreement 42. développer/develop 43. *Pan Tadeusz* 44. a paru/was published 45. décerné des prix/awarded prizes 46. ShLOYME 47. MILKhOME guerre/war 48. BEShA's pendant/during 49. ARN 50. éditions 51. YISROEL 52. YITSkhOK 53. réalisations/accomplishments 54. International P.E.N. Books : *An Anthology of Modern Yiddish Literature*, compiled and edited by Joseph Leftwich, Mouton, The Hague-Paris 55. YOYSEF.

[ענטפֿערס אויף שפּילן פֿון ז' 5]

ענטפֿערס אויפֿן באַשאַפֿונג־שפּיל

1. – ז.
2. – ג.
3. – א.
4. – ד.
5. – ו.
6. – ה.
7. – ב.



ענטפֿערס אויפֿן פֿאַרגלײַכן־שפּיל

1. – ט.
2. – ד.
3. – י.
4. – ח.
5. – ב.
6. – ג.
7. – ז.
8. – ו.
9. – ה.
10. – א.



דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס

[סוף פֿון ז' 6]

אויף דער גאַנצער וועלט, ווי **וועלט־מלחמה**[38], **וועלטקריזיס.**

אָבער דער אַדיעקטיוו **וועלטלעך**[39] מיינט „ניט רעליגיעז“ : **אַ וועלטלעכע שול, אַ וועלטלעכע באַוועגונג.**

צו שליסן די מעשׂה[40] מיט **וועלט**, וואָס קען זײַן בעסער ווי אַ ציטאַט פֿון **פּירקי־אָבֿות**[41], „די קאַפּיטלען פֿון די פֿאָטערס“, זעקס קאַפּיטלען פֿון דער מישנה[42] וואָס נעמען אַרײַן קלוגע ווערטלעך פֿון די תּנאָים[43], די ייִדישע געלערנטע פֿונעם 1טן און 2טן יאָרהונדערט : **אויף דרײַ זאַכן שטייט די וועלט – תּורה[44], תּפֿילה[45] און גמילת־חסדים[46]**. וואָס מע האָט פֿאַראָדירט ווי : **אויף דרײַ זאַכן שטייט די וועלט – געלט, געלט און געלט...**

38. MILKhOME guerre/war 39. laïque/secular 40. MAYSE histoire/story 41. PIRKE-OVES Maximes des Pères/Precepts of the Fathers (Pirke Avot) 42. MIShNE Mishna 43. TANOYIM docteurs de la Mishna/rabbis of the Mishna, *sing.* תּנא TANE 44. TOYRE étude de la Torah/Torah study 45. TFILE prière/prayer 46. GMILES-KhASODIM bienfaisance désintéressée/disinterested acts of charity.



**אַ מאַפּע פֿון 1541.**